דבר מלכות לנוער

# קער אַ וועלט!

***לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת פינחס ה'תנש"א***

אין הײַנטיקער פרשה לערנען מיר וועגן חלוקת הארץ צו די י"ב שבטים און צו יעדער איד. ווי געוויינלעך פאַרבינד דאָס דער רבי מלך המשיח שליט"א אין אַן אײַנפאַכן אופן צום העכסט אַקטואַלער טעמע - די גאולה האמיתית והשלימה אין איר ווערט יעדערער פון אונז באַקומען אַ חלק אין ארץ ישראל.

דאָ וועלן מיר לערנען וואָס האָט עס אַ שייכות צו אונז איצטער, אין דער לעצטער רגע פאַר די גאולה.

צום רבי'ן דער צמח צדק איז אַמאָל געקומען אַ חסיד און געבעטן אַ רשות צו אַרויפגיין קיין ארץ ישראל, ווײַל ער האָט געמיינט אַז דאָרטן וועט ער קענען לערנען און דאַווענען בעסער ווי אין חוץ לארץ. האָט אים געענטפערט דער רבי "מאַך דאָ ארץ ישראל". בלייב אין דײַן אָרט צו וועלכן מ'האָט דיר געשיקט אין חוץ לארץ, און דאָרטן דאַרפסטו איבערמאַכן דײַן אָרט אויף ארץ ישראל דורך דײַן לערנען און דאַווענען דאָרטן.

אויך מיר אין דער לעצטער מינוט פאַר די גאולה דאַרפן איבערמאַכן דעם רגע אויף ארץ ישראל - גאולה.

אָבער, סוף סוף דאָך חוץ לארץ איז ניט ארץ ישראל, און דוקא אין ארץ ישראל זײַנען די תורה ומצוות אין אַ הויכן אופן ווי עס פּאַסט צו זײַן. מיר דאַווענען שטענדיק צו דעם ריכטונג פון ארץ ישראל און וואַרטן צו אָנקומען קיין ארץ ישראל, און ספּעציעל הײַנט וואָס אין יעדער מינוט "אָט קומט משיח"! אויב אַזוי, וואָס איז די הוראה "מאַך דאָ ארץ ישראל"? מיר ווילן דאָך קומען אין ארץ ישראל, קומען צו אַ מצב פון גאולה און ניט בלייבן ח"ו אין גלות?

### דער גורל האָט גערעדט

ווען מ'האָט אויסגעטיילט ארץ ישראל, האָט מען איר אויסגעטיילט לויט דער גורל, ווי דער אויבערשטער האָט געזאָגט "אך בגורל יחלק את הארץ". ס'איז געווען אַ קעסטל מיט די 12 נעמען פון די שבטים און אַ צווייטער קעסטל מיט די 12 חלקים פון די לאַנד און אלעזר הכהן האָט געמאָלדן (צום בײַשפּיל) אַז דער חלק הנגב (דרומדיקער טייל פון ארץ ישראל) איז פאַר שבט שמעון, און דאַן וואָלט מען אַרויסגענומען פון די גורל-קעסטלאך 2 צעטלאַך און וואונדערליך איז אַרויס דער צעטל פון שבט שמעון מיטן צעטל פון דער נגב.

דער נס איז געווען נאָך גרעסער,

אַז דער גורל אַליין האָט גערעדט און האָט אויסגערופן "אני הגורל עליתי לגבול הנגב לשבט שמעון" (איך – דער גורל – בין אַרויפגעקומען צו גבול הנגב פאַר שבט שמעון). און אַזוי האָבן אַלע געוואוסט אַז דער גורל איז על פי ה' און יעדער איינער האָט באַקומען דעם חלק וואָס קומט אים.

פרעגט ווידער דער רבי מלך המשיח שליט"א אַ שאלה: דאָך דער אויבערשטער טוט ניט קיין ניסים סתם, איז וואָס האָט געפעלט אַז דער גורל זאָל רעדן? ניט גענוג די ניסים וואָס מ'האָט געזען כדי צו פאַרשטיין אַז דאָס איז פון דעם אויבערשטן? צי דען האָט מען געמוזט אָנקומען אַז דער גורל זאָל רעדן?! צוליב וואָס דאַרפמען האָבן אַזאַ וואונדערלעכער נס?

## אַלץ איז מכוון

דער אויבערשטער האָט באַשאַפן דער וועלט מיט איין ציל, לעשות לו יתברך דירה בתחתונים. און יעדער זאַך וואָס טרעפט דאָ אין וועלט, פיר צו צו דער ציל. און וויבאַלד אַזוי, איז יעדער זאַך וואָס מיר טוען, אפילו אויב ער איז בלויז אַ **הכנה**, אַ צוגרייטונג צו אַ מצוה איז דאָס איצטער דער הויפט וכיטיקער זאַך, ווייל צוליב אונזער ציל איז אַלץ וויכטיג, און דעריבער יעדער זאַך וואָס מיר טוען אויפן וועג דערצו דאַרף געטאָן ווערן מיט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און כוונה.

אין אַלגעמיין, דאָס איז אַ גרויסער גערעדט... געזעץ אין אונזערע לעבן אַלס חסידים פון רבי'ן שליט"א מלך המשיח. יעדער זאַך וואָס מ'טוט דאַרפמען זיין אַריינגעטאָן אין דעם, ספּעציעל אין די וויכטיקע זאַכן, צום ביישפּיל, אַז מ'לערנט, זיין אַריינגעלייגט נאָר אין לערנען, און אַז מ'דאַווענט לעבן דעם דאַווענען און דעם ריידן מיטן אויבערשטן, און אַזוי אין יעדע מצוה וואָס מ'טוט. דער וואָס לעבט אַזוי האָט הצלחה'דיקע און גליקלעכע לעבן. דאָס הייסט אַ 'פנימי' – יעדער זאַך וואָס ער טוט ער געפינט זיך אין דעם און ליגט אין דעם מיט זיינע פנימיות, און ניט נאָר די הענט – דער מעשה.

ווייל כדי מיר זאָלן איינעמען די וועלט מאַכן אַ דירה לה', דאַרפן מיר אַז דער גאַנצער וועלט זאָל זיך איבערקערן צו זיין אַ דירה, און צוליב דעם דאַרף מען אַז מיר די איינעמערס זאָלן זיין אינגאַנצן אַריינגעטאָן און אַריינגעלייגט אין דעם כיבוש! ניט נאָר טאָן דעם כיבוש אין מעשה נאָר ליגן אין דעם אויך אין מחשבה און אויך אין דיבור.

דעריבער אויך אין חלוקת הארץ פאַר די י"ב שבטים איז דער גורל געווען טאַקע בלויז אַ מיטל צו חלוקת הארץ, אָבער דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז דער גורל אַליין זאָל איבערצייגן אַז ער איז אמת און דעריבער איז דאָרטן געווען סיי דער כהן וואָס האָט געזען אין רוח הקודש אין מחשבה, סיי דער צעטל וואָס ער האָט אַרויסגענומען מיט די הענט במעשה און סיי דער גורל וואָס האָט גערעדט בדיבור.

און יעדער זאַך וואָס מיר טוען, איז

דאָס איז אונזערע ספּעציעלע שליחות, אין אונזערע לעבן איז קיין זאַך ניט סתם. און דעריבער דאַרפן מיר אויסנוצן די געלעגנהייט און אָנפילן די אויפגאַבע מיט די פולקאָמענע גאַנצקייט.

## מאַך דאָ ארץ ישראל

אויך ווען מיר זיינען דאָ, אין דער לעצטער מינוט פאַר די גאולה, דאַרפן מיר טאָן אונזערע עבודה אויף צוזאַמלען די גאולה מיט די פולע גאַנצקייט דאָס איז אַלץ וואָס ס'פאָדערט זיך פון אונז איצטער. ווייל דער מינוט, דער לעצטער, איז אונזער צוועק איצטער, מאַכן פון אים ארץ ישראל. און דוקא אַזוי וועלן מיר ברענגען די גאולה שלימה וואָס אין איר וועט אַלץ זיין בשלימות.

אמת טאַקע אונזער צוועק איז ארץ ישראל און די גאולה האמיתית והשלימה, אָבער ווי דער רבי שליט"א מלך המשיח האָט געזאָגט אַלץ וואָס איז אויפן וועג דערצו איז אויך אַ צוועק, און אין יעדער מינוט אויפן וועג דאַרפן מיר אויסנוצן אים פולערהייט און אָנפילן אין אים אונזערע שליחות אויף די בעסטע וועג. איבערמאַכן דעם רגע אַז אויך ער זאָל זיין אַ טייל פון דער גאולה.

## תכל'ס

דער פריערדיקער רבי האָט אונז דערציילט דעם סיפור וועגן דער צמח צדק וואָס האָט געזאָגט "מאַך דאָ ארץ ישראל", דער רבי איז דאָך נשיא דורנו און ער איז פאַרבונדן און קען יעדן איינעם און איינע פון אונז, און אַז ער האָט דערציילט דעם סיפור האָט ער אויך געמיינט יעדן איינעם פון אונז פריזענלעך און ספּעציעל.

במילא האָט יעדערער פון אונז אַ הוראה צו מאַכן פון זיין אָרט ארץ ישראל, און איבערמאַכן דעם רגע אויף אַ רגע פון גאולה אמיתית ושלימה, עס זאָל זיין אַ גאולה'דיקער מינוט.

נאָך אַ זייער וויכטיקע זאַך וואָס מיר לערנען דערפון, ס'פאַראַן מענטשן וואָס פרעגן ווי אַזוי וויל מען אַז מיר זאָלן ברענגען די גאולה שלימה? מיר געפינען זיך דאָך אין אַ ווייטער ווינקל פון וועלט, קיינער קען אונז ניט און אַלץ וואָס מיר וועלן טאָן דאָ וועט קיינער אפילו ניט הערן וועגן דערוף, ווי אַזוי וועלן מיר איבערמאַכן דעם גאַנצן וועלט אויף גאולה? דאָס איז אַ שאלה וואָס יעדער איינער פון אונז האָט, אַז ס'ווייזט אונז אויס אַז אונזערע טועכצן דאָ און איצט זיינען ניט אַזוי וויכטיג.

אויף דעם איז דער קלאָרער ענטפער: אַלץ וואָס מיר טוען, אפילו אויב דאָס איז אַ קליינע זאַך אין דער עק פון דער וועלט איז דאָס דער בעסטער זאַך וואָס איך קען טאָן איצטער! אויב דער אויבערשטער האָט מיר געשיקט אַהער, איז אין דעם אַ ספּעציעלע כוונה. דער צוועק איז אַז דוקא איצטער זאָלן מיר אַרבעטן און טאָן וואָס מ'דאַרף. און דורך דעם וואָס מיר וועלן אויפטאָן דאָ וועט דאָס איינווירקן אויך אויף דער גאַנצער וועלט, די קליינע זאַכן וואָס מיר טוען

דאָ זײַ ענדערן און טוּען אוֹיף זאַכן אוֹיך אין אַנאַנדער אָרט אין וועלט און בּרענגען די גאולה.

ווען אַ איד פּירט זיך אין אַזאַ וועג, אַז ער איז אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין וואָס ער טוּט איצער, הוֹיבּט ער אָן לעבּן די גאולה און מאַכט איבּער זײַן טאָג אוֹיף אַ גאולה–טאָג, און אַזוֹי טאַנצט ער אַרײַן אין די גאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש מיט דעם גרעסטן ריקוד און מיט די גרעסטע שמחה!

•

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

**לזכות**
**הוד כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א**
**מהרה יגלה ויגאלנו!**

יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק

**ווילסט איבערגעבן א שיעור 'דבר מלכות' אין דיין געגנט?**
**אין ארה"ק - קינדער: 795-5493 (054), אין ארה"ק - מיידלאך: 646-0770 (054),**
**אין ארה"ב: 290-4444 (718)**

עריכה: בן מנחם • הגהה רוחנית: רבנים ואנשי חינוך • הגהה לשונית: ב. נחשון • תורגם לאידיש ע"י מנחם מענדל פעלדמאן •
יו"ל במסגרת מבצע עולמי ללימוד ה'דבר מלכות'